**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/5/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 3.5 מיליאן דאלאר דא צו באקומען צו אנטוויקלען גריד מאדערניזירונג פראיעקטן

***שטיצט מוניציפאלע עלעקטריציטעט יוטיליטי פירמעס און שטעטלישע קאאפעראטיוון ביים אויפקומען מיט פארשלאגן וואס שטופן פאר פארלעסליכקייט פון אינפראסטרוקטור און צוטריט צו אפאָרדעבעל ריינע ענערגיע***

***העלפט קערפערשאפטן פלאנירן פאר בעפארשטייענדע 24 מיליאן דאלארדיגע פינאנצירונג געלעגנהייט צו איינפירן פראיעקט פארשלאגן***

***שטיצט דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ציהל צו אריבערגיין מיט 100% צו עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040.***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 3.5 מיליאן דאלאר אין טעכנישע הילף פינאנצירונג איז יעצט דא צו באקומען צו שטיצן די אנטוויקלונג פון עלעקטריציטעט גריד מאדערניזירונג פראיעקט פארשלאגן דורך די סטעיט'ס 'גריד מאדערניזירונג פראגראם' (Grid Modernization Program). די געלטער וועלן שטיצן אינטערעסירטע מוניציפאלע עלעקטריציטעט יוטיליטי פירמעס און שטעטלישע קאאפעראטיוון ביים אויפקומען מיט פארשלאגן וואס שטופן פאר די פארלעסליכקייט פון גריד אינפראסטרוקטור און פאר צוטריט צו אפאָרדעבעל ריינע ענערגיע. די היינטיגע אנאנס שטיצט די ציהלן פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ( Climate Leadership and Community Protection Act) צו אריבערגיין מיט 100 פראצענט צו עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040.

"מיט די שטיצע פון דיביידן אדמיניסטראציע, טוהען מיר שטופן פאר א מער שטאנדהאפטיגע, מאדערניזירטע און פארבינדענע עלעקטריציטעט גריד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט העלפן די סטעיט טרעפן די בעסטע צוגענג צו גריד מאדערניזירונג פראיעקטן וואס מאכן זיכער אז ניו יארקער האבן שטענדיג צוטריט צו אפאָרדעבעל און פארלעסליכע עלעקטריציטעט."

די היינטיגע אנאנס רעדט זיך איבער די שטאפל בעפאר אנטוויקלונג, צו העלפן מוניציפאלע עלעקטריציטעט יוטיליטי פירמעס (municipal electric utilities, MUNI'o) און שטעטלישע קאאפעראטיוון (cooperatives, COOP'o) פלאנירן פאר א בעפארשטייענדע 24 מיליאן דאלארדיגע פינאנצירונג געלעגנהייט וואס איז ערמעגליכט געווארן דורך א פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט (Department of Energy, DOE) [גרענט](#) פאר ניו יארק סטעיט לעצטע הערבסט. די 24 מיליאן דאלאר, וואס זענען ערווארטעט צו זיין צו באקומען דעם זומער, וועלן פארטיילט ווערן דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research

and Development Authority, NYSERDA) אין לויף פון א צוויי-יאריגע צייט אפשניט דורך א פראצעדור וואס וועט אויסוועהלן די בעסטע פארשלאגן פאר גריד מאדערניזירונג פראיעקטן.

ניו יארק סטעיט MUNI'ס און שטעטלישע COOP'ס קענען יעצט אפלייען [דא] און אפליקאציעס וועלן איבערגעקוקט ווערן אין די סדר לויט ווי זיי ווערן אריינגעגעבן ביז **3:00 נאכמיטאג** אום **דעצעמבער 1, 2027** פאר אן איינמאליגע מאקסימאלע טעכנישע הילף גרענט פון ביז $200,000 פער אפליקאנט. די הילף קען גענוצט ווערן צו שטיצן די טעכנישע אנאליזן וואס זענען נויטיג צו אפשאצן פאטענציאלע פראיעקטן, הילף מיטן שרייבן אפליקאציעס פאר פינאנצירונג גרענטס צו איינפירן די פראיעקטן און אזוי אויך פאר די אנטוויקלונג פון א ציפערן באריכטונג סיסטעם צו אפשאצן די הצלחה פון פראיעקטן.

NYSERDA וועט אפהאלטן אן אינפארמאציע וועבינאר [דא] אום **אפריל 12 פון 2:00 נאכמיטאג ביז 3:00 נאכמיטאג** פאר די וועלכע זענען אינטערעסירט צו לערנען מער איבער די טעכנישע הילף פינאנצירונג געלעגנהייט.

**דאָרין מ. העריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** "עס איז א פארגעניגן פאר NYSERDA צו אפפערן שטיצע מיט טעכנישע הילף פאר מוניציפאלע יוטיליטי פירמעס און שטאטישע COOP'ס צו פלאנירן פאר נויטיגע פארבעסערונגען און מאדערניזירונגען צו די שטאנדהאפטיגקייט פון זייער קאמיוניטי'ס גריד אינפראסטרוקטור. דורכן צושטעלן די שטיצע פון אנהויב, טוהען מיר זיכער מאכן אז צוקונפטיגע פארשלאגן וואס וועלן אריינגעגעבן ווערן צו גענומען ווערן אין באטראכט וועלן זיין פאר פראיעקטן וואס וועלן שטופן פאר א יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט גריד בשעת'ן פארמערן צוטריט צו ריינע ענערגיע פאר ניו יארקער."

MUNI'ס און שטעטלישע COOP'ס וואס האבן נישט קיינע טעכנישע הילף באדערפענישן קענען פארשלאגן קלענערע איינפירונג פראיעקטן וואס פאלן אריין אונטער די ערלויבטע מאקסימאלע גרענט סומע, אריינרעכנענדיג פראיעקטן וואס זענען אין איינקלאנג מיט אנגעלעגנהייטן פאר קאנצענטראציע וואס זענען אויסגערעכנט אין די איינלאדענונג פאר פארשלאגן און וואס וועלן פארשטערקערן די קאפאציטעט פון ניו יארק סטעיט'ס גריד סיסטעמען און קאמיוניטיס זיך צו גרייטן פאר יעצטיגע און צוקונפטיגע קלימאט סכנות. אפליקאנטן וועלן פארלאנגט ווערן צו דירעקט אויפנעמען סיי וועלכע קאנטראקטארס וואס זענען נויטיג פאר טעכנישע סערוויסעס — אריינרעכנענדיג מעגליך אינדזשענירונג, עקאנאמיקס און גרענט אפליקאציע סערוויסעס. NYSERDA וועט איבערקוקן אלע קאנטראקטארס וואס ארבעטן מיט MUNI'ס און מיט שטעטלישע COOP'ס אלס טייל פון די אקטיוויטעט כדי צו זיכער מאכן אז זיי קומען נאך די אויטאריטעט'ס און פעדעראלע קאנטראקטאר סטאנדארטן.

**ניו יארק אסאָסיעישען פון פובליק פאווער (New York Association of Public Power, NYAPP) פרעזידענט, דעיוויד לעדערס, האט געזאגט,** "דאס פארשטערקערן אונזער לאקאלע דיסטריביושען אינפראסטרוקטור איז קריטיש פאר אונזער פובליק פאווער מיסיע צו צושטעלן זיכערע, אפאָרדעבעל און פארלעסליכע עלעקטריציטעט פאר אונזערע קאסטומערס, מיטגלידער און ברייטערע קאמיוניטיס. די NYAPP יוטיליטי פירמע און קאאפעראטיוו מיטגלידער זענען דאנקבאר פאר די פינאנצירונג געלעגנהייט צוגעשטעלט דורך NYSERDA דורך דעם 'אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ' וואס וועט שטיצן ווייטערע סיסטעם אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט און פארלעסליכקייט פון אונזער פובליק פאווער עלעקטריציטעט סיסטעמען אריבער ניו יארק סטעיט."

ניו יארק איז געווען איינס פון ניין סטעיטס און פינף שבטים וואס זענען געשאנקען געווארן א סך הכל פון 125 מיליאן דאלאר אלע צוזאמען לעצטע סעפטעמבער אלס די זיבעטע גרופע צו באקומען 'גריד שטאנדהאפטיגקייט סטעיט און שבטים'דיגע פארמולע גרענטס' (Grid Resilience State and Tribal Formula Grants). די 3.5 מיליאן דאלאר וואס זענען ארויסגעלייגט געווארן צו פארטיילט ווערן היינט

זענען טייל פון ניו יארק'ס 15% 'מעטשינג פאָנדס' פארלאנגט דורך די DOE, און עס קומט פון די 'ראיאנישע שעדליכע גאזן אינציאטיוו' (Regional Greenhouse Gas Initiative). צו לערנען מער, באזוכט NYSERDA'ס וועבזייטל און די גריד באנוץ אפיס'ס (Grid Deployment Office) וועבזייטל.

פינאנצירט דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ און פארטייילט דורך די DOE'ס גריד באנוץ אפיס — פארטייילט די גריד שטאנדהאפטיגקייט סטעיט און שבטים'דיגע פארמולע גרענטס פינאנצירונג פאר סטעיטס, טעריטאריעס און פעדעראל-אנערקענטע אינדיאנע שבטים – אריינרעכענענדיג די אלאסקע רויטע אינדיאנער ראיאנישע קערפערשאפטן (Alaska Native Regional Corporations) און אלאסקע רויטע אינדיאנער ווילעדזש קערפערשאפטן (Alaska Native Village Corporations) – אויסגעשפרייט איבער פינף יאר לויט א פארמולע (א חשבון) וואס רעכנט זיך מיט זאכן ווי די מאס פון די באפעלקערונג, גרויסקייט פון די שטח, אויסזיכטן און ערנסטקייט פון אינצידענטן און אזוי אויך רעכנט זיך עס מיט ווי סאך די ארטיגע רעגירונג קערפערשאפט האט אויסגעגעבן אויף לינדערונג באמיאונגען אין די פארגאנגענהייט. פריאריטעט ווערט געגעבן פאר פראיעקטן וואס ברענגען די גרעסטע בענעפיט פאר די קאמיוניטי, צושטעלנדיג ריינע, אפאָרדעבעל און פארלעסליכע ענערגיע.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואס עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו עררייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן